**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/22/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

## גאווערנער האקול און אטוירני גענעראל דזשעימס אנאנסירן 909,384 דאלער אין אויסטיילונגען פאר 14 ענווייראנמענטאלע בענעפיט פראיעקטן פאר טאנאוואנדא קאמיוניטי

***קאמיוניטי פאנדעישען פון גרעיטער באפעלאו אדמיניסטרירט די גרענטס צו 14 קאמיוניטי-אויסגעוועהלטע ענווייראנמענטאל און פארבעסערונג פראיעקטן***

***באלד 3,000 בעלאָטס איינגעגעבן דורך בארעכטיגטע איינוואוינער-אנגעוויזענע גרענט אויסטיילונגען***

גאווערנער קעטי האקול און אטוירני גענעראל לעטישע דזשעימס האבן היינט אויסגעטיילט 909,384 דאלער צו 14 ענווייראנמענטאלע בענעפיט פראיעקטן פאר דער טאנאוואנדא קאמיוניטי אלס טייל פון א פריערדיגע סעטלמענט איבער ענווייראנמענטאלע פארלעצונגען ביי דער געוועזענער טאנאוואנדא קאָוק קארפארעישען איינריכטונג. די גרענטס, וועלכע ווערן אדמיניסטרירט דורך דער קאמיוניטי פאנדעישען פון גרעיטער באפעלאו, זענען אין פארנעם פון 5,000 ביז 250,000 דאלער און וועלן גיין דירעקט צו קאמיוניטי פארבעסערונג און ענווייראנמענטאלע פראיעקטן אויסגעקליבן באזירט אויף קאמיוניטי פרעפערענצן באשטימט דורך גאנץ-קאמיוניטי בעלאָט פראצעס.

״מיט אויפריכטונג באמיאונגען אונטערוועגס ביי דער געוועזענער טאנאוואנדא קאָוק איינריכטונג מאכן מיר מערב ניו יארק שטערקער דורך באשיצן איר מערסט ווערדפולע רעסאָרס,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט**. ״דער טאנאוואנדא קאמיוניטי איז געווען פאראייניגט דורכאויס דעם פראצעס און האט יעצט די מעגליכקייט זיך פארצושטעלן פונדאסניי און זיך אויפריכטן אויף צוריק דורך די קאמיוניטי-געטריבענע ענווייראנמענטאלע און פארבעסערונג פראיעקטן. נאך יארן פון פארפעסטיגונג איז נאך פאראן אסאך ארבעט צו טון, אבער דאס איז א גרויסער טריט פאראויס אין בויען א געזונטערע און מער זיכערע קאמיוניטי.״

יארן לאנג האט דער טאנאוואנדא קאָוק קארפארעישען (TCC) פארלעצט סטעיט און פעדעראלע ענווייראנמענטאלע געזעצן. TCC איז פארלאנגט געווארן צו באצאלן א ציווילע שטראף און אלאקירן 1 מיליאן דאלער פאר א גרענט פראגראם — דער טאנאוואנדא קאמיוניטי ענווייראנמענטאלע בענעפיט פראגראם (EBP) — געצייגנט אויף צו באשיצן טאנאוואנדא׳ס ענווייראָנמענט און פובליק געזונטהייט. אונטער די טערמינען פון דעם סעטלמענט האט ניו יארק סטעיט די פידושיערי פאראנטווארטליכקייט צו מאכן די ענדגילטיגע גרענט אויסטיילונגען פאר פראיעקט אפליקאנטן.

**אטוירני גענעראל דזשעימס האט געזאגט**, ״אויף צו לאנג האט דער טאנאוואנדא קאמיוניטי געליטן ביי די הענט פון גיריגע קארפארעישענס וועלכע שטעלן רווחים איבער דער וואוילזיין פון דער קאמיוניטי און דער ענווייראָנמענט. די דאזיגע גרענטס וועלן העלפן אויפריכטן און אויפלעבן אויף צוריק טאנאוואנדא׳ס ענווייראָנמענט פאר פילע קומענדיגע דורות. באשיצן אונזער ענווייראָנמענט ווי אויך די געזונטהייט און זיכערהייט פון אונזערע קאמיוניטיס איז נישט אפציאנעל און סיי וועלכע קארפארעישען וואס פארלעצט די

טערמינען וועלן געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך דורך מיין אפיס. איך דאנק דעם DEC פאר זייער צוזאמענארבעט אויף דעם וויכטיגן פראגראם.״

**DEC קאמיסיאנער סעגאוס האט געזאגט,** ״פאר דריי יאר צוריק האט דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיט (DEC) געארבעט מיט אונזערע סטעיט, ארטיגע און פעדעראלע צוזאמענארבעטער צו קביעות׳דיג פארשליסן טאנאוואנדא קאָוּק כדי צו באשיצן דער קאמיוניטי און דער ענווייראָנמענט. געטריבן דורך ניו יארק סטעיט׳ס אינפארסירונג אקציעס צו האלטן דעם געוועזענעם-געפערליכן פארפעסטיגער פאראנטווארטליך, וועט דער טאנאוואנדא קאמפיין ענווייראנמענטאלע בענעפיט פראגראם שטיצן איבער א טוץ אייגנארטיגע ענווייראנמענטאלע פראיעקטן אויסגעוועהלט דורך ארטיגע איינוואוינער צו זיין א טובה פאר דער גאנצער טאנאוואנדא קאמיוניטי.״

**קאַרא מאטעליאנא, סיניאָר דירעקטאר פון פּאָליסי און סטראטעגישע צוזאמענארבעט ביי דעם קאמיוניטי פאנדעישען פאר גרעיטער באפעלאו האט געזאגט,** ״מיר זענען דאנקבאר פאר די פירערשאפט פון דער טאנאוואנדא קאמיוניטי EBP׳ס ראטגעבער קאמיטע פאר זייער ענטוזיאסטישקייט און באשעפטיגונג דורכאויס דעם גאנצן פראצעס. מיר זענען אויך דאנקבאר פאר גאווערנער האקול, אטוירני גענעראל דזשעימס און DEC פאר מיטארבעטן מיט דער גרופע פון טאנאוואנדא איינוואוינער און זיי באפולמעכטיגן צו מאכן באשלוסן צו פארזיכערן אז זייער קאמיוניטי האט געהאט א פולשטענדיגער טייל אין אויסשטעלן דעם פראגראם און זייערע מיינונגען זענען געהערט געווארן אויף יעדן טריט און שריט. דער קאמיוניטי-געפירטער פראיעקט איז א שיינענדערביישפיל פון א ווירקזאמע און באדייטנדע אופן אויף צו באהעפטן מענטשן, געדאנקען און אייגנשאפטן צו פארבעסערן לעבנס אין מערב ניו יארק.״ דער קאמיוניטי פאנדעישען פון גרעיטער באפעלאו (CFGB) אדמיניסטרירט דעם גרענט פראגראם און האט אוועקגעשטעלט א קאמיוניטי ראט קאמיטע ארויסצוהעלפן אין דאס אויסשטיליזירן און איינפירן פון דעם פראגראם, אריינגערעכנט העלפן באשטימען קאמיוניטי פרעפערענצן. DEC, דער אפיס פון דער אטוירני גענעראל, און CFGB האבן צוזאמענגעארבעט מיט א 12-מיטגלידער קאמיוניטי ראט קאמיטע, וועלכס איז באשטאנען פון קאמיוניטי איינוואוינער, אין יעדע הינזיכט פון דעם פראגראם׳ס אנטוויקלונג און איינפירונג. דער גרענט אויסטיילונג פראצעס האט אנטהאלטן ארויסזוכן פארשלאגן, און איבערזיכט דורך א פאנעל פון זעלבסטשטענדיגע מומחים און ברייטערע קאמיוניטי באשעפטיגונג. באלד 3,000 טאנאוואנדא קאמיוניטי איינוואוינער האבן געשטימט אויסצוקלויבן זייער פרעפערירטע גרענט באקומער דורך א גאנץ-קאמיוניטי בּעלאָט פראצעס. די ענדגילטיגע פראיעקטן אויסגעוועהלט דורך דער סטעיט טוען דירעקט אפשפיגלען די רעזולטאטן פון דעם בּעלאָט פראצעס — וועלכע מען קען געפונען [דא](). די גרענט אויסטיילונגען שפיגלען אויך אפ CFGB רעקאמענדאציעס.

**טאמאס פיווטאראק, א טאנאוואנדא איינוואוינער און טאנאוואנדא קאמיוניטי EBP ראט קאמיטע מיטגליד, האט געזאגט,** ״איך האב שטארק הנאה געהאט פון זיך באטייליגן אויף דעם טאנאוואנדא קאמיוניטי EBP ראט קאמיטע און ארבעטן אינאיינעם מיט דעם קאמיוניטי פאנדעישען פאר גרעיטער באפעלאו און דעם סטעיט אויף צו אנטוויקלען און פארשפרייטן דאס ווארט ארום דער קאמיוניטי איבער דער גאר גוטע בענעפיטן פראגראם. ארבעטן ווירטועל מיט אזוי פיל ענווייראנמענטאל-באשעפטיגטע ארטיגע וואלונטירער דורכאויס דער קאָוויד-19 פאנדעמיע איז נישט גרינג געווען, אבער די רעזולטאטן פון אונזער ארבעט און די פאזיטיווע תוצאות עס וועט ברענגען פאר אונזער קאמיוניטי זענען שטארק באלוינענד. איך דאנק די ארבעט פון יעדער וואס האט געהאט א חלק אין דעם, און איבערהויפט די NYS DEC און NYS OAG, פאר זייער שטיצע. איך קוק ארויס אויף די פאזיטיווע תוצאות וואס די גרענטס וועלן האבן אויף דער טאנאוואנדא קאמיוניטי אויף פילע יארן אין דער צוקונפט.״

**דזשיל או׳מאלי, איינוואוינער פון קענמאר ווילעדזש און מיטגליד פון דער קאמיוניטי ראט קאמיטע, האט געזאגט,** ״איך בין אויסערגעווענטליך שטאלץ פון די ארייננעמיגע, דורכזעעדיגע פראצעס וואס דער קאמיטע האט גענומען אין באטראכט דורכאויס אונזער אינאיינעמדיגע ארבעט. עס זענען געווען סאָלידע אינוועסטירונגען פון צייט און מיה דורך די קאמיטע באטייליגטע אין שאפן די אנווייזונגען פאר דעם

פינאַנצירונג אונטערנעמונג. דער פּראָצעס איז געווען גאַר גוט אַדורכגעטראַכט אויף צו אינספּירירן שאַפערישע פּראָיעקט פאַרשלאָגן און אַמבעסטן אויסניצן די קאַמיוניטי׳ס אַריינזאָג פּראָצעס. איך דאַנק דעם סטעיט פאַר׳ן מיטאַרבעטן מיט דער טאַנאַוואַנדאַ קאַמיוניטי, און איך בין דאַנקבאַר צו זען אַז די געלטער וועלן ווידער-אינוועסטירט ווערן אויף אַזעלכע באַדייטנדע וועגן.״
די טאַנאַוואַנדאַ קאַמיוניטי איז געאָגראַפיש באַשטימט אַלס דער טאַון טאַנאַוואַנדאַ, שטאָט טאַנאַוואַנדאַ, נאָרט טאַנאַוואַנדאַ, און קענמאָר ווילעדזש, ווי אויך אַלס דער דרום טייל פון גראַנד אײַנזל און באַפעלאָו׳ס ריווערסייד געגנט.
גראַנטס זענען צוטיילט אויף פּראָיעקטן פון קליינע ביז מיטלמעסיגע פאַרנעם, וועלכע וועלן באַקומען סומעס פון 5,000 ביז 25,000 דאָלער, און גרעסערע פאַרנעם פּראָיעקטן, וועלכע וועלן באַקומען פון 25,001 ביז 250,000 דאָלער.

קליינע צו מיטלמעסיגע פּראָיעקט געווינער זענען:

- סיטיזען קאָאַליציע פאַר לעבעדיגע נאַטור און ענווייראָנמענט, ״פּלאַנץ אייך פאַר נאַטור! עקאָלאָגישע גאָרטען-שאַפן פאַר קאַמיוניטי געזונט און אָרטיגע געוויקסן אויסטיילונג,״ 11,900 דאָלער;
- בירגער וויסנשאַפט קאַמיוניטי שטיצע-מיטלען, ״קאַמיוניטי זיג גאָרטען״, 24,908 דאָלער;
- ערי קאַונטי דעפּאַרטמענט פון ענווייראַנמענט און פּלאַנירונג, ״סאַבּסידייז׳ט קאַמיוניטי רעגן פאַס / קאָמפּאָסט קעסטל פּאַרקויף״ 25,000 דאָלער;
- קענמאָר ווילעדזש פאַרבעסערונג סאָסייעטי, ״האַלט טייער אונזערעביימער און ראַטעוועט די בינען״, 10,000 דאָלער;
- טאַון אָוו טאַנאַוואַנדאַ פּובליק לייברערי, ״רעגן גאָרטען און אינדרויסנדיגע פּובליק אויפנאַמע אָרט ביי קענילוואָרט לייברערי״, 9,000 דאָלער;
- קענמאָר - טאַון פון טאַנאַוואַנדאַ יוּניאָן פרייע סקול דיסטריקט, ״בוים איינפּלאַנצן און פאַרשענערונג ביי עדיסאָן עלעמענטערי-סקול״, 6,359 דאָלער;
- שטאָט טאַנאַוואַנדאַ פּובליק לייברערי, ״שטאָט טאַנאַוואַנדאַ פּובליק לייברערי קאַמיוניטי לייענען גאָרטען״, 20,000 דאָלער;
- ערי קאַונטי דעפּאַרטמענט פון ענווייראַמענט און פּלאַנירונג, ״סיניאָר-פאָקוסירטע ״אי-מיסט פאַרזאַמלונג״, 25,000 דאָלער;
- טאָמאַס עדיסאָן PTA, ״טאָמאַס עדיסאָן פּערענט-טיטשער אַסאָסיעשען קאַמיוניטי גאָרטען,״ 25,000 דאָלער; און
- פּראָיעקט ׳פּרייד׳ פון נאָרט טאַנאַוואַנדאַ, ״מאַנהעטען סטריט רעגן גאָרטען פאַרבעסערונגען״, 12,440 דאָלער.

גרויס-פאַרנעמיגע פּראָיעקט געווינער זענען:

- טאַון אָוו טאַנאַוואַנדאַ, ״קעני פּיעלד פּאַרק מולטי-באַניץ טרעיל, אַריינגענעמיגע שפּיל פּלאַץ און מאַלעריי וואַנט״, 250,000 דאָלער;
- מערב ניו יאָרק לאַנד-שטח קאָנסערוואַנסי, ״שאַפן נייע נאַטור פּרעזערוון, פאַרבעסערן פּובליק צוטריט, אויפריכטן לעבעדיגע נאַטור וואוין-ערטער, און אַנבאַטן ענווייראַנמענטאַלע בילדונג״, 160,777 דאָלער;
- די ריינע לופט קאָאַליציע, ״אָרגאַניזירן אונזער ענווייראָנמענט יוסטיץ ווירדן בפועל״, 99,000 דאָלער; און
- ניאַגאַראַ ריווער גרינוועי קאָמיסיע, ״בויען אַפּטרופּוס׳שאַפט און פאַרשטערקערן שטאַלץ פון דער ברייטערער טאַנאַוואַנדאַ קאַמיוניטי,״ 230,000 דאָלער.

**סענאטאר טשארלס שומער האט געזאגט,** ״שוין צענדליגע יארן וואס טאנאוואנדא קאָוּק האט עובר געוועז אויפ׳ן געזעץ און פארפעסטיגט די לופט און ערד, ריזיקירנדיג דורכדעם דער געזונט פון מערב ניו יארק איינוואוינער. איך בין שטאלץ צו האבן געקעמפט אינאיינעם מיט דער קאמיוניטי שוין יארן כדי זיי צו האלטן פאראנטווארטליך און איך בין נאך מער שטאלץ צו זען ווי די געלטער גייען צוריק צו באפולמעכטיגן טאנאוואנדא׳ס ערהוילונג און וואוקס. די ווערדפולע פראיעקטן צו האלטן אונזער ענווייראָנמענט ריין און פארבעסערן די לעבנס פון מערב ניו יארקער וועט אפירברענגען די אינוועסטירונג וואס קומט זיך זיי.״

**סענאטארקע קירסטען דזשיליברענד האט געזאגט,** ״עס פריידט מיך אזוי צו אנאנסירן די באדייטנדע סעטלמענט געלטער וועלן גיין אויף אויפצולעבן דער טאנאוואנדא קאמיוניטי. אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער מיט אונזערע פארשריטן צו באקעמפן די ענווייראנמענטאלע תוצאות פון דער טאנאוואנדא קאָוּק פלאץ, בין איך קאנפידענט אז די נייע פראיעקטן וועלן ליפערן באדייטנדע בענעפיטן צו ארומיגע קאמיוניטיס. עס איז נישט דא א מער דרינגענדער פראבלעם ווי דער געזונט פון אונזער ענווייראָנמענט, און איך וועל שטענדיג שתדלן צו האלטן פארפעסטיגער פאראנטווארטליך.״

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** ״טאנאוואנדא קאָוּק איז געווען א במזיד׳יגע פארפעסטיגער ווערמענס אומ׳אחריות׳דיגע אויפפירעכטס האט באטראפן דער געזונט פון דערנעבנדע איינוואוינער און געגנטער. כאָטש — א דאנק די איינוואוינער וועלכע האבן זיך קעגנגעשטעלט און עס פארלאנגט — טאנאוואנדא קאָוּק איז שוין נישט דא, איז דער קאמיוניטי נאך אלץ פארבליבן מיט די נאכווייענישן פון דעם קאמפאני׳ס שעדליכער פארגאנגענהייט. דאס ברענגט א נייעם קאפיטל פאר די טאנאוואנדאס, גרענד איילענדס און ריווערסייד — איינס וואס בויט געלעגנהייטן פאר איינוואוינער צו שאפן און געניסן פון ריינע און נאטורליכע פובליק פלעצער.״

**סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** ״יארן לאנג האבן מערב ניו יארקער געליטן פון פארפעסטיגונג ארויסגעלאזט דורך טאנאוואנדא קאָוּק. מיט די גרענטס, טוט ניו יארק סטעיט העלפן צוצושטעלן א ריינערע, געזונטערע סביבה פאר איצטיגע און צוקונפטיגע דורות. א דאנק אייך גאווערנער האקול, אטוירני גענעראל דזשעימס, און דער קאמיוניטי פאנדעישען פאר גרעיטער באפעלאו פאר זייער אינאיינעמדיגע פירערשאפט אין זען דעם וויכטיגן פראיעקט אויסגעפירט ביז׳ן סוף.״

**סענאטאר שעאן רייען האט געזאגט,** ״דער טאנאוואנדא קאָוּק פאבריק האט יארן לאנג אומלעגאלערהייט פארפעסטיגט די ארומיגע קאמיוניטי, און כאָטש די אנגייענדע רעהאביליטירונג איז וויכטיג, וועט דאס אליין נישט זיין גענוג צו אדרעסירן די שאדן וואס עס האט אנגעמאכט. איך דאנק גאווערנער האקול און אטוירני גענעראל דזשעימס פאר ליפערן די געלטער, וועלכע ווערן מיט רעכט אינוועסטירט צוריק אין דעם ראיאן אפעקטירט דורך די פארפעסטיגונג פון דעם פאבריק. די גרענטס וועלן ערמעגליכן פאר די מענטשן פון טאנאוואנדא צו נעמען א בפועל׳דיגע צוגאנג און אדרעסירן ענווייראנמענטאלע ענינים אין זייערע אייגענע געגנטער. די געלטער וועלן איינפירן א ברייטע ריי שאפערישע פראיעקטן, און יעדע פון זיי וועט טון איר חלק צו הייבן ענווייראנמענטאלע וואוילזיין און פארשטערקערן דער טאנאוואנדא קאמיוניטי. עס איז געווען צום הארצן צו זען אזוי פיל פארשלאגן אריינגעגעבן און אזוי פיל איינוואוינער נעמען אנטייל אין דעם שטים פראצעס. איך קוק ארויס אויף צו זען די פראיעקטן אין אקציע.״

**ניו יארק סטעיט אסעמבלימאן ביל קאנרעד האט געזאגט,** ״די טאנאוואנדא קאמיוניטי ענווייראנמענטאלע בענעפיט פראגראם פארטרעט א זיגרייכער ווענדפונקט אין די פיינליכע געשיכטע פון טאנאוואנדא קאָוּק און די פארפעסטיגונג וואס עס האט אנגעברענגט אויף איינוואוינער. פון דאס צעווארפן די פאבריק׳ס קוימענעס אין יוני צו דאס אויסטיילן די גרענטס זעען מיר די כוח פון מענטשן אין אקציע. די פינאנצירונג, און דער פראצעס דורך וועלכע עס ווערט אויסגעטיילט, געהער צו די טאג-טעגליכע העלדן פון דעם סיפור: די אקטיוויסטן, וויסנשאפטלער, ארטיגע פירער און פאמיליעס וועלכע האבן יארן לאנג פארלאנגט קארפארעיט פאראנטווארטליכקייט און א געזונטערע סביבה פאר אונז אלע. זייער שווער-

פארדינטע זיג וועט איצט פארעהרט ווערן, און זייער ווירקונג וועט אנהאלטן אויף אייביג דורך די ווערדפולע פראיעקטן. איך אפלאדיר דעם DEC און אטורני גענעראל, דער קאמיוניטי פאנדעישען פאר גרעיטער באפעלאו, און די געטרייע קאמיוניטי ראטגעבער וועלכע האבן געמאכט דער טאנאוואנדא קאמיוניטי EBP אזא סוקסעס.״

**אסעמבלי-מיטגליד דזשאן די. ריווערא האט געזאגט,** ״איך אפלאדיר גאווערנער האקול און אטורני גענעראל דזשעימס פאר פארמיטלען באלד 1 מיליאן דאלער אין סעטלמענט געלטער פאר פראיעקטן וועלכע וועלן שטארק פארבעסערן די געזונט און ענווייראָנמענטאלע זיכערהייט פון מערב ניו יארקער. די ענווייראנמענטאלע פארלעצונגען באגאנגען דורך טאנאוואנדא קאָוק זענען גאר אויפברויזנד, און ווייטער גיבן צו כוח צו דער טענה אז די גרעסטע קארפארעיטביישטייערער צו קלימאט ענדערונג זאלן טראגן דעם עול פון אירע קאסטן. די געלטער איינגעשאפן דורך דער גאווערנער און אטורני גענעראל אלס רעזולטאט פון דעם סעטלמענט וועלן פארשטערקערן ארטיגע באמיאונגען צו רייניגן אונזער לופט און וואסער-וועגן, און העלפן שאפן א מער נאטורליכן סטעיט פאר אלע ניו יארקער.״

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו מארק צ. פאלאנצארז האט געזאגט,** ״דער טאנאוואנדא קאָוק קאמיוניטי בענעפיט פראגראם איז אויסגעשטעלט געווארן מיט פיל יישוב הדעת אויף צו האבן דער קאמיוניטי וואו עס טאנאוואנדא קאָוק האט זיך געפונען אויסוועהלן פראיעקטן וועלכע וועלן זיין לטובת די ארטיגע סביבה. ערי קאונטי קוקט ארויס אויף צו ארבעטן אויף די פראיעקטן און אין דער זעלבער צייט ארבעטן מיר מיט אונזערע צוזאמענארבעטער אין טאון און סטעיט רעגירונגשאפט צו פארזיכערן אז דער ארט ווערט אויפגערוימט.״

**טאון אָוו טאנאוואנדא סופערווייזער דזשאסעף עמינגער האט געזאגט,** ״די געלטער וואס וועלן געגעבן ווערן פאר דעם טאון און פאר נאָנפּראָפיטס אין דעם טאון וועלן גיין צו פארבעסערן די פיזישע און גייסטישע געזונט פון אונזער קאמיוניטי אויף צענדליגע יארן אין דער צוקונפט און לויט מיין מיינונג קען זייער ווירקונג נישט אונטערגעשאצט ווערן. איך וויל אויך אויסדרוקן דעם טאון׳ס דאנקבארשאפט צו דעם קאמיוניטי פאנדעישען פאר גרעיטער באפעלאו און די DEC פאר׳ן שטיין אויף דער וואך פאר די בעסטע אינטערעסן פון די טאון איינוואוינער.״

דער געוועזענער טאנאוואנדא קאָוק ארט ווערט אויפגערוימט אונטער דער ניו יארק סטעיט סופערפאָנד און בראונפיעלד אפרייניגונג פראגראמען, מיט שטרענגע DEC אויפזיכט צו פארזיכערן אז דער אפרייניגונג באשיצט פובליק געזונטהייט און דער ענווייראָנמענט. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט דעם DEC וועבזייטל [DEC אנאנסירט נייע אפמאך אויף אויספירליך צו אדרעסירן געוועזענע טאנאוואנדא קאָוק איינריכטונג פארפעסטיגונג - NYS דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיט](). די טאנאוואנדא קאמיוניטי איז געאגראפיש באשטימט אלס דער טאון טאנאוואנדא, שטאט טאנאוואנדא, נארט טאנאוואנדא, און קענמאר ווילעדזש, ווי אויך אלס דער דרום טייל פון גרענד אינזל און באפעלאו׳ס ריווערסייד געגנט. פאר מער אינפארמאציע איבער דער טאנאוואנדא קאמיוניטי EBP, אריינגערעכנט דעם פראצעס, אפליקאנטן׳ס פארשלאגן און די רעזולטאטן פון די קאמיוניטי פרעפערענצן, באזוכט [TonawandaFund.org](). דער ענין איז באהאנדלט געווארן דורך פּאָליסי ראטגעבער פיטער סי. וואשבורן פון דער ענווייראנמענטאלע אפהיט ביורא אונטער דעם אויפזיכט פון ביורא הויפט לעמיועל עם. סראלאוויץ. די ענווייראנמענטאלע אפהיט ביורא איז א טייל פון דער דיוויזיע פאר סאציעלע יוסטיץ, וואס ווערט אנגעפירט דורך דער הויפט געהילף אטורני גענעראל מעגהען פאוקס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov]()
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov]() | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן]()